STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06894

BRIDER UN SHVESTER

Solomon Davidman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברידער און שוועסטער

זאַכלעך פֿאַרצולייענען און דעקלאַמירן

פֿון

שלוימע דאווידמאן



ברידער — הוגאָ געלערט

דעם 8־טן מערץ, 1949, האָט דער נאַציאָנאַלער בילדונג־דירעקטאָר פון אידישן פּראָטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, אַרויסגעשיקט א קאָנספּעקט וועגן פייערן דעם געבורטסטאָג פון אָרדן. עס זיינען אויך געווען צונעלייגט פיר לידער וועגן אָרדן פון: ז. וויינפּער, דאָרע טייטלבוים, שרה באַרקאַן און שלמה דאַווידמאַן. מיר דרוקן דאָ איבער דאָס ליד:

ברידער און שוועסטער

פון שלמה דאַווידמאַן

ברידער און שוועסטער פון שטאָט און פאַבריק,
לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען,
יעדער וואָס לעבט נאָר פון ערלעכער מי —
ווי קינדער מיט טאַטעס און מאַמעס.
ברידער און שוועסטער, מען דאַרף דאָך א פריינט,
גרינגער וועט ווערן אין נויטן.
אינאיינעם איז לייכטער באַקעמפן א פיינט;
א שענערן לעבן זיך גרייטן.
ברידער און שוועסטער, עס רופט אייך דאָס פאָלק,
ענגער צו שליסן די רייען;
ווען מען ס'איז טייער די שפּראַך און דער גייסט,
דער מוט און דאָס בלוט מאַקאַבייערס.
שליסט זשע זיך אָן אין דעם „אָרדן פון פאָלק",
פאַר ליידן און פריידן אין לעבן;
פאַר קינד און פאַר היים און פאַר פאָלק איז די זאָרג —
צו שענערס און בעסערס — דאָס שטרעבן.
ברידער און שוועסטער פון דאָרף און פאַבריק,
האַלט זיך נאָר איניק, צוזאַמען,
יעדער וואָס לעבט נאָר פון ערלעכער מי —
ווי קינדער מיט טאַטעס און מאַמעס.
עס גרייטן זיך פעלקער א שענערע וועלט,
עס קעמפן די פעלקער צוזאַמען,
פאַר פרייהייט פון שטאָט און פון לאַנד און פון פעלד,
פאַר לעבן פון קינדער און מאַמעס.
שוואַרצע און ווייסע, פעלקער און איד,
מענטשן פון ראַסן און שטאַמען,
קלינגען זאָל הילכיק און מעכטיק דאָס ליד
פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַל'מען.
ברידער און שוועסטער פון לאַנד און פאַבריק,
לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען,
יעדער וואָס לעבט נאָר פון ערלעכער מי —
ווי קינדער מיט טאַטעס און מאַמעס.

דאָס געזאנג פון פאָלקס - פרידן

פון שלמה דאווידמאן

עס פירט דער פאָלקס - פרידן אויף וועגן העל-באלויכטן;
אין ליד פון פעלקער - פרידן קלינגט אויך אונזער
וואָרט.
מארשירט דער פאָלקס - פרידן אויף וועלט מיט יונגע
קוויכעס;
און מיט די פעלקער - ברידער איז דאָ אונזער אָרט !
איך דעם לאנד ,דעם מעכטיגן,קאָלומבוסעס מעדינע;
אין דעם גרויען קעסל - גרוב,פול מיט רויך און פיין,-
האָט די האנט פון זין און טעכטער,אויסלענדער און גרינע
דיר געשוואוירן ביי דיין פאָן:כ'וועל דאָ בויער זיין!
די געלע רויע שווערע.הענט,די ווייסע און די ברוינע.
מיט שווייס און טרער; וואָס רינט פון יעדער אויג און
טבער הויט,-
הוי-כע וואונדער- שטעט צעלייגט האָב ברייטע, אָט
אזוינע,
האָב הייס און שווער זיי דאָ פארמויערט און געבויט !
פון יאם - צו - לאנד,פון סטעפ - צו ברעג ליגן
לאנגע וועגן,
גליטשן גומי - רעדער זיך אויף גלאטינקען אספאלט;
פון דע' שטאָט אין דאָרף אריין האָב איך געפלאסטערט
שטעגן ,
האָב געשפרייט די פעלדער און האָב געקעמט דיין וואלד!

אויף די בריקן , אין די ציגל ליגט דאָ אונזער פּראצע;
אין יעדער בעגעד איז דאָ איינגעוועבט מיין ליד,-
מיט די גליקן פאלשע דאָ פארוויגט האָסט און גענארט אונזן
בלויז געצאָלט מיט אָפּגלאנץ פאר אויסגעצערטער מי!
בלוט פון טרייע זין מיינע האָט גרויס געמאכט דיין נאָמען;
ס'האָבן מיינע טעכטער געוועבט דיין ערשטע פאָן,-
מיט מוט און לעבנס - זין איז מיין שיף צו דיר געקומען,
צו א שאָלעם -וועכטער,צום שקלאפן-פרייהייט טאָן !
ווי א לאנד פון פעלקער - פרייהייט ביסטו דאָך געבאָרן;
א וועלט פון פעלקער - ברידער וועסטו מוזן זיין!
און איך וועל דיר אומקערן די ליכטיגע קאיאָרן;
וועסט אויסווישן די טרערן,אויסלייזן דיין פּיין !
עפן ,לאנד מיינס , דיינע אויגן און דערזע דעם וואונדער:
קוילן ,גאָלד און זילבער;דיר אייזן ,שטאָל געשמידט,
הער זיך צו צום פרידנס - ניגון,צום רוף פון דיינע קינדער ;
הער דעם נייעם קלאנג ,געזאנג פון פעלקערס נייעם ליד!

(1948 -1950, בראיטאן - ביטש)

אויב איר ווילט אַ קאָפּיע פון דעם ביכל, אָן געלט, מיט געלט שרייבט צו:

SHLOIME DAVIDMAN,
3110 Brighton 3d St. Ap. 5E.
Brooklyn, N.Y. 11235
(212) NI-8-0984

שלמה דאַווידמאַן — שרייבער און טוער

צום אָנערקענונג לכבוד אים, היינטיגן שבת

פון בער גרין

איינינע אָרגאַניזאַציעס אין ברוקלין — די וואַרשאַווער הילפס־סאָסאַיעטי פון בראַיטאָן ביטש, דער אַלגין־ישור־מאַן לייען־קרייז און די „מאָרגן־פרייהייט" קאָמיטע 2 — וועלן היינטיגן שבת, דעם 14טן דעצעמבער, דורכפירן אַן אָנערקענונג־אָוונט לכבוד דעם פּראָגרעסיוון שרייבער, געזעלשאַפטלעכן און קולטור־טוער שלמה דאַווידמאַן.

איז דאָס בפירוש אַ גוטער אויפטו עס איז גוט, וואָס אַרבעטער, פאָלקסמענטשן, טוער קומען זיך צוזאַמען אויסצודריקן אָנערקענונג צו איינעם, וואָס ווידמעט די פאָלקס־מאַסן זיין טאַלאַנט און ענערגיע.

און דער 57־יאָריגער שלמה דאַווידמאַן האָט באמת אַ היבש ביסל פאַרדינסטן אַלס פּראָדוקטיווער, אַרבעטזאַמער שרייבער פאַרן פאָלק, אַלס שול־לערער אין משך פון העכער אַ פּאָר צענדליג יאָר, אַלס טרענער, בויער און פאַרשפּרייטער פון אונזער אידישער פּראָגרעסיווער קולטור, אַלס געטרייער געזעלשאַפטלעכער טוער. ער איז אין משך פון יאָרן דער סעקרעטאַר פונם וועסט־ברוקלינער „מאָרגן־פרייהייט" קאָמיטעט, אַנפירער פון אַ לייען־קרייז, קולטור־דירעקטאָר פון אַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. ער איז אַ שרייבער און אַ טוער.

יאָ, איך געדענק אים נאָך פון דער „אַלטער היים", פון זיין געבורטשטאָט, וואָס ער האָט אַזוי וואַרעם און ענטוזיאַסטיש באַשריבן אין פיל פון זיינע דערציילונגען און מעשיות.

איז ער דאָך כמעט אַ בן־עיר מייַנער (מאָגיליאָוו איז אַרום 20 וויאָרסט פֿון מיין געבורט־שטעטל יאַרוגע). אין זיין מאָגיליאָוו האָב איך שטודירט. דאָרט האָב איך זיך מיט פֿיל יאָרן צוריק באַקענט מיטן יונגינקען, רויט־קעפּיגן, ברייט־פּלייציגן, מאַסיוון, ערנסטען, עטוואָס־פֿאַר׳חלום׳טן שלמה׳ן, וועמען נאָענטע פֿריינט האָבן גערופֿן „ליאָמע". מען האָט אים אויך גערופֿן „שלמה דעם דיינ׳ס" — דער טאַטע זיינער איז געווען אַ דיין, אַ קבצן, און האָט געהאַט אַ בוכהאַנדלונג. פֿון צייט צו צייט האָב איך דאָרט געקויפֿט אַ פּאָר ביכער.



און „די רעדער דרייען זיך און די יאָרן גייען זיך", און ווידער האָב איך געטראָפֿן דעם אַקטיוון, מיזאַמען, ברויזנדיגן שלמה דאַווידמאַן — דאָס מאָל שוין אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן, טאַקע אין זיין היים ערגעץ אויף וואַיז עוו., בראָנקס, ביי אַ מיטינג פֿון אַ „גרופּע פֿון אידישע אַרבעטער־שרייבער". ביי יענע מיטינגען איז געבוירן געוואָרן דער פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישער זשורנאַל „יונג קוזניע".

זינט דאַן האָט דאַווידמאַן ברייט פֿאַנאַנדערגעוויקלט זיין שרייבעריש־לערעריש־געזעלשאַפֿטלעכע טעטיגקייט. זייט דאַן האָבן זיך אָפֿט באַוויזן זיינע דערציילונגען אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט" און אין אונזערע פּעריאָדישע צייטשריפֿטן, און עס זיינען דערשינען אין בוך־פֿאָרם (אין אַ באַדייטנדיגער צאָל ביכער און ביכלעך) זיינע פֿיל מעשיות, דערציילונגען, סקיצן, שפּילן, אויך מעמואַרן, ראָמאַנען און אויטאָביאָגראַפֿישע ווערק.

זיין פּען איז פֿליסיג. זיין טעמאַטיק שעפּט ער הויפּטזעכלעך פֿון זיין אייגענער לעבנס־דערפֿאַרונג אין דער „אַלטער" און אויך אין דער נייער, אַמעריקאַנער היים. אַ גרויס אָרט אין זיין ליטעראַרישן שאַפֿן פֿאַרנעמט דאָס קינדער־לעבן, דאָס שול־און לערער־לעבן. דאָ קומט אים שטאַרק צונוץ זיין רייכע, לאַנגיאָריגע לערער־דערפֿאַרונג; דאָ העלפֿט אים אַלס שרייבער זיין וואַרעמע ליבשאַפֿט, זיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן קינד׳ס

שלמה דאווידמאַן

וועלט און נשמה, און אויך זיין צו־
בונד צום עכטן פאָלקס־לערער און
אין אַט־די ווערק זיינע האָט דער שריי־
בער געשלאָסן א שידוך מיטן לערער,
פעדאַגאָג, קינדער־דערציער, און דער
שידוך איז עולה־יפה געווען.
אן אַנגעזען אָרט אין דאַווידמאַנ׳ס
שאַפונגען פאַרנעמט זיין היים־שטאָט,
איר אָרעמשאַפט, אירע פאָלקס־
מענטשן, טרוימער, קעמפער פאַר א
בעסער לעבן. צווישן אַט־די ווערק
זיינען: דער ראָמאַן „די פאַמיליע
סטרונעס פון מאָגיליאָוו־פאָדאָלסק",
„קאָמאַנדיר שלמה פאָדאָלסקי", „מאָ־
גיליאָוו־פאָדאָלסק", א. אַנד.
פיינע מעשה׳לעך, „געשיכטעס", פון
און פאַר קינדער זיינען איינגעשלאָסן
אין דאַווידמאַנ׳ס בוך „אידישע קינ־
דער אין בירא־בידזשאַן" (פון זיין
„סאָבוועי־ביבליאָטעק: געשיכטעס פאַר
גרויס און קליין") : דאָ איז פאַרוועבט
טאָג־טעגלעכקייט, וואָכעדיגקייט פון
קינדער־לעבן, מיט מעשה׳דיגקייט, מיט
העלדן־געשיכטע, מיט אַרבעטער־העי־
ראָאישקייט. אין איינעם פון אַט־די
מעשה׳לעך קומט צום אויסדרוק דעם
מחבר׳ס הויפט־כוונה: „און אידישע
קינדער דאַרפן וויסן די געשיכטע פון
אידישן פאָלק, די געשיכטע פון די אי־
דישע מאַסן פון אַלע צייטן און אין
יעדן לאַנד" (זייט 16).
דאַווידמאַנ׳ס דערציערישע כוונה
נעמט אויך דורך און געמט־אַרום זיין
בוך „אַ שפּראַך איז ווי א גאָרטן"
(1952). דער טאַטע (אין דער 1טער
דערציילונג פון אַט־דעם בוך) דער־
קלערט זיין טאָכטער: „א שפּראַך איז
ווי א גאָרטן: ווי אזוי דו פאַרזייסט
די שפּראַך, אַזוי וואַקסט זי אויס".
און דער מחבר ציט א פאַדעם, א גאָל־
דענעם פאַדעם: צווישן „מאָטל פייסי
דעם חזנ׳ס" מיט אַן אַנדער מאָטל —
„מאָטעלע גערמאַן, מיין יונגער לאַנדס־
מאַן פון מאָגיליאָוו־פאָדאָלסק, וואָס
האָט געראַטעוועט צוויי טויזנט אידן
פון די געטאָס".
די נאַצי־מערדעריען געגן אידן, ווי
אויך דער העלדישער אַנטי־נאַצי ווי־
דערשטאַנד און קאַמף ווערן אָפּגע־
שפּיגלט אין א היבשער צאָל פון דאַ־
ווידמאַנ׳ס מעשה׳לעך און בילדער
(„אַ קאָפּ פון אַ אידן", א. אַנד.).
שלמה דאַווידמאַנ׳ס ערשטע בעלע־
טריסטישע ווערק זיינען: „ערשטע
טריט", „ווען הערצער ברענען"; „גע־
קניפּטע ריטלעך" (בוך אַרויסגעגעבן
צוזאַמען מיט מאַקס פּערלאָוו).
אין 1918 איז אין יאַמפּאָל, פּאָ־
דאָליע, אין דער דרוקעריי „טרוד"
דערשינען דאַווידמאַנ׳ס סאַמע ערשט
ווערק — א קליינע לידער־זאַמלונג פון
16 זייטן: „בענקעניש".
דאַווידמאַן, ווייס מיר, איז פול מיט
א סך ליטעראַרישע פּלענער און שטרע־
בונגען. ווינטשן מיר אים, אין דעם
סאַמע פּאַנאַנדערבלי פון זיין שריי־
בעריש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט,
נאָך פיל געזונטע, אַקטיווע, שעפע־
רישע יאָרן פאַר א וועלט פון שלום,
פרייהייט און קולטור.

פאַליטגראַמען

פון **שלוימע דאַווידמאַן**

פּראָסט און פּאָשעט זיינען מיינע גראַמען
פּראָסט און פּאָשעט איז מיין וואָרט —
איך שטעל זיי בלויז פאַר אייך צוזאַמען,
און דער געדאַנק זאָל זיין אויף אָרט.

יעדע צאָרע כאַפּ איך און פאַרצייכן,
הייסע טרערן זאַפּ איך איין אין זיך:
איך פּאָפּראַווע מיט אביסל סייכל, —
און ס'איז פאַרטיג פּאָליטישער געדיכט!

געשריבן: אָקטאָבער, 1963, ניו־יאָרק.

א העמדער-פּרעסער
1935 - בראָנקס

די „מאָרגן פרייהייט“ איז מיין היים!

פון שלמה דאַנידמאַן

פּראָפּאַגאַנדע (צו דער קאַמפּאַניע פאַר נייע לייענער. — פון דער סעריע: „פּאָליטאָגראַמען“)

א פּאָלקס־געזאַנג איז
צו מיר געקומען,
האָב איך גיטאַרע
אין דער האנט גענומען;
אויסגעצמבלט האָב איך מיר
אַ ניגון:
„וואָס זינגט זיך אַזוי שיין,
וואָס זינגט זיך אַזוי שיין“:
די „מאָרגן פרייהייט“
איז מיין היים!“...

איך קוויק זיך פרי
מיט קלוגע נייעס —
גוט איז מיר אַזוי,
דאָס לעבן אַ מחיה!
יעדער שרייבער פּלייסט,
זיך מאָלן שיין:
די „מאָרגן פרייהייט“
איז מיין היים!

פאַר א סטרייק. — מ. מונקאַשי

איבער וועלט צעשטעלט,
האָב איך שטאַפּעטן :
שרייבער איז אַ העלד,
וואָס גייט אין די פאַרוועטן !

דו ביסט דאָך אַ קוואַל,
דערפרישסט דעם קאָפּ און האַרצן ;
עס ברויזט פון דיר אַ שאַל,
וואָס היילט אונז אוים די שמאַרצן ! ...

אַ פאָלקס־געזאַנג איז
צו מיר געקומען,
האָב איך גיטאַרע
אין דער האַנט גענומען ;
אויסגעצימבלט האָב איך מיר
אַ ניגון,
„וואָס זינגט זיך אַזוי שיין,
וואָס זינגט זיך אַזוי שיין ! ;
די „מאָרגן פרייהייט"
איז מיין היים !" ...

„מ.פ.", סעפּ. 4. 1963

46 יאָר
„מאָרגן פרייהייט"
אַפּריל, 1968

און דאַס לאַנד וועט ווערן ריין

(צום קאַמף פון די גאַסן־רייניגער)

פון **שלמה דאַווידמאַן**

— ווער־זשע זיינען, גוטער אייניק
גוטע מענטשן פון ניו יאָרק?
ווער־זשע אָט־די גאַסן רייניגט?
ווער־זשע מאַכט די ראָגן ריין?

אָט פאָרט אַרום אַ געלער טראָק,
מענטשן קנעפּלדיגע, ריין,
נעמען מיסט פון יעדן ראָג
און וואַרפן אין דעם טראָק אַריין.

גייט אַ מענטש מיט גרויסן בעזים,
און ער קערט און קערט און קערט,
אויב ס'איז מיסט דאָ היינט געוועזן,
האָט ער באַלד עס דאָ פאַרקערט.

אָט האָט טראָק די גאַס באַגאָסן,
מיט אַ פרישן רעגן־שטראָם,
ווי אַ מענטשן אויסגעצוואָגן,
פּשוט צו דערקענען קוים.

— איצטער, קלוגער שיינער אייניק
קענסט די גוטע מענטשן פון ניו־יאָרק,
ביסט נאָך יונג, דערפאַרונג — ווייניג,
האָב געדולד און ניט געזאָרגט.

קומען וועט אַ צייט אין לאַגער,
ווען דאָס פאָלק וועט אַלץ פאַרשטיין,
יעדעס פיצל מיסט פאַרברענען,
און דאָס לאַנד וועט ווערן ריין.

„מ.פ.״, אַפּריל, 21, 68.

גליק - וואונטש צום נייעם יאָר

פון שלמה דאווידמאַן

נעמט אייך מיינע ווינטשעוואַניעס
צו דעם נייעם גוטן יאָר ;
אַלע אונזערע קאַמפּאַניעס
גרייכן זאָלן נאָר דערפאָלג.

די קינדער־שולן זאָלן בליען
ווי די בלומען אין דעם פּאַרק ;
יעדער איינער זאָל זיך מיען,
זיי זאָלן זיין געזונט און שטאַרק.

די כאָרן זאָלן מעכטיג זינגען
מיט א פריילעכן געזאַנג ;
פול מיט האָפענונג זאָל עס קלינגען
פון יעדן ליד און יעדן קלאַנג !

עס זאָלן אַלע „פרויען־קרייזן",
מיט א בוך און מיט א וואָרט ;
אַלע מענער איצט באַווייזן,
אַז זיי פאַרדינען ערשטן אָרט.

און די קלובן־און־סאָסאַיעטיס
מחותנים — ערשטע ריי ;
מיט פיל מיטגלידער, מיט נייע,
זאָלן אָנפילן זיך אויפסניי.

איקוף זאָל קריגן נייע בוחות,
און פאַרשפּרייטן ליכט אויף גאַס ;
מיט זינגען אָנפילן די מוחות
פון דעם האַרעפּאַשנעם קלאַס.

אַלע, אַלע גוטע חברות,
זאָלן האָבן א גוט־יאָר ;
אַלע זייערע חלומות,
זאָלן טאַקע ווערן וואָר

און די העלדין „מאָרגן־פרייהייט"
זאָל וואַקסן ברייט ;
לייענער, גיב־זשע נאָך מער טרייהייט,
צווישן פאָלק זאָל זיין פאַרשפּרייט.

נעמט־זשע מיינע ווינטשעוואַניעס
צו דעם נייעם גוטן יאָר ;
אַלע אונזערע קאַמפּאַניעס,
גרייכן זאָלן נאָר דערפאָלג !

דער דור פון בויער

(פאָליטאָגראַמען לכבוד דעם יערלעכן קאָנצערט פון די „קלובן און סאָסאַיעטיס", דעם 1טן נאָוועמבער אין קאַרנעגי האָל)

פון שלמה דאַווידמאַן

מיין קלוב האָט אַ מענטשן פּערציג,
יעדער־איינער איז נאָך יונג אין גייסט —
קיינער וועט אין ציילן מער קיין זעכציג,
יעדער קאָפּ איז דאָך גרוי־און־גרייז.

דאָס זיינען ברידער פון די בעל־מלאכות;
דאָס זיינען שוועסטער פון דעם טיפן פאָלק, —
און די אַלע שונאים אויף צו־להכעיס,
זינגען אַלע מיט אַ פריילעך קול!

אַט זיצט מען ביי דעם „אַלגין לייען־קרייז"
און „מען לייענט אַ סדרה י. ל. פּרץ",
אין די אויגן פינקלט זיך אַ יונג־גייסט,
מען לייענט מיט ליבשאַפט, מיט הרך־אַרץ.

עס געדענקט נאָך יעדער „1905",
עס לעבט אין זיי נאָך גייסט פון יענער צייט, —
יעדער טאָג איז אָנגעפילט מיט זינען,
און זיי פילן זיך ווי פיינע יונגע לייט!...

מען מוז דאָך שטיצן פּראָגרעסיווע שולן, —
„זיי זיינען דאָך געקראָכן אויף פיל טרעפּ", —
צו „קענוועסן" די קינדער אין די שולן!...
מידע זיידעס, באָבעס האָבן גרויע קעפּ.

אָבער ס'קומען אייניקלעך זיך לערנען;
„ירושה" איבערנעמען און די שפּראַך!
דאַרף מען העלפן מיט אַלץ נאָר, וואָס מיר קענען,
עס וועט ניט אָפּשטעלן די עלטער אין דער זאַך!...

אין ישראל איז דאָ אַזאַ מין „קליניק"
אויפן גרויסן נאָמען ראובן ברייינין! —
העלפן קראַנקע קינדער איז דאָך אַלטער מנהג, —
אַלטע פּראָגרעסיסטן דאָך מיר זיינען!...

און מיט קולטור, פאַרשטייט זיך, פּראָגרעסיווער,
זיינען מיר שוין לאַנג דאָך אַ מחותן —
ווער־זשע וועט ניט זיין קיין ברייטער געבער,
עס טראָגט דאָך יעדער איינער צו מיט גוטן!

און די זינגער, אוי, לאַנג לעבן זאָלן —
זיי ברענגען יום־טוב אויף דער אָרימער גאַס —
קומט מען צו קאָנצערטן אָנצוקוועלן,
פון דעם כאָר פון האַרעפּאַשנעם קלאַס!

„אידישע קולטור", „איקוף" און „זאַמלונגען"
אויף טיש כמעט פון יעדער קליינער זיצונג —
מע לייענט, מע שמועסט אָפּט ביי פאַרזאַמלונגען; —
האָבסט הנאה, לערנסט, דאַרפסטו שטיצן!...

מאַכט אַ וואַרע פּאַר דער „מאָרגן פרייהייט",
דאָס גרויסע ליכט אויף אונזער ברייטער גאַס!
אויף גאַנצן לעבן געשוואוירן האָט מען טרייהייט —
דער פאַקל פון פּראָגרעסיוון־אידיש קלאַס!

מע טאַנצט אַ פריילעכס אויפן יערלעכן באַנקעט, —
אוי, מ'האָט דאָך אויסגעפּילט די „קוואָטע"!
דאָס איז אַ מין סאָציאַליסטישער געוועט!
אַן אַלט־נייַ פּראָגרעסיווע מאָטאָ!...

דאָס פאָלק מאַרשירט קיין וואַשינגטאָן!

פון שלמה דאַווידמאַן

לאַנג געוואַרט האָט נעגער־פאָלק אויף לאָרדן־יושר,
גענוג געהונגערט האָט מען און געשקלאַפט
יעדער ווייסער פריץ איז שוין לאַנג אַן עושר,
פון בלוט און שווייס זיך אוצרות דאָ פאַרשאַפט.

— הונדערט יאָר האָב איך געהאָפט געדולדיג!
צוזאָג! צוזאָג! און ניט געהאַלטן וואָרט!
קערפער פון מיין פאָלק איז שוין פול מיט וואונדן,
עס קאָן דאָס פאָלק ניט רוען אויף קיין אָרט!

— עפנט־אויף די טירן פון די שולן!
לאָזט אַריין מיין ברודער אין געשעפט!
מיען וויל איך זיך מיט רעכטן פולע,
און קיין וועג זאָל מיר ניט זיין געשטערט!

איר פייניגט מיידלעך אין די טורמעס,
אויף די אינגלעך רייצט איר ווילדע הינט!
און דאָס לאַנד מיינס רופט מען דעמאָקראַטיע!
ס'איז צו אייך אַ שאַנד און אונז איז וויי־און־ווינד!

קומט אַרויס איצט, ברידער, פון די געטאָס,
נעמט־מיט פאָרטאָריקאַנער, רופט־מיט איד!
אין אייניקייט, ברידער, איז אונזער רעטונג,
דונערן וועט אונזער פרייהייט־ליד!

עס איז אַרויס דער ים פון זיינע ברעגן,
פאַרפלייצט די ערד פון וואַשינגטאָן.
אויף אַלע שטעגן, ווינקלען, וועגן,
טראָגט שטאָלץ די בראַווע פרייהייט־פאָן!

עס זינגט א נעגערישע מאמע ...

וויג-ליד פון שלוימע דאווידמאן

שלאָף , מיין קינד ,שלאָף , מיין קינד !
דו האָסט דאָך , טייערער , אזא גוט הארץ!
ס'איז אונז בלויז,ווײ- און - ווינד,
וואָס אונזער הויט איז,אוי- ווײ,שווארץ.
ווייסער לענדלאָרד בעט ניט זאָרגן,
ניט זיך שרעקן פאר די ראצן -
ער וועט די לעכער פארריכטן...מאָרגן ...
באהאלט זיך טיפער אין מאטראצל!...
(שלאָף ,מיין קינד)
דיין טאטע זוכט נאָך אלץ א דזשאב...
ער גייט ארויס פון הויז מיט זאָרגן:
ער גייט ארום פון שאפ צו שאפ...
מע הייסט אים קומען מאָרגן ,מאָרגן ...
(שלאָף ,מיין קינד)
שוין הונדערט יאָר ,אז מיר זיינען פריי!...
ס'האָט א י י ב געהייסן זיך ניט זאָרגן!...
ס'איז נאָך ערגער ווי שקלאפעריי!...
מע זאָגט אונז אלץ צו:מאָרגן ; מאָרגן !...
(שלאָף , מיין קינד)

Charles White

עדגאר עווערס

פון שלוימע דאווידמאן

פון דעם פרישן גרוב הערט זיך א געשריי —
פון דעם יונגן בלוט טראָגט זיך א געוויי:
"מיט וואָס האָב איך געזינדיגט,וואָס מיין הויט איז שווארץ?!
בין איך דען קיין קינד ניט,האָב איך ניט קיין הארץ?!"
מ ו י ש ע . דו באפרייער קום אראָפּ אצינד —
ווי אין לאנד מיצרייעם,באווייז א נייעם נס !...
נישטאָ שוין מער קיין וואונדערס.אין דער נייער צייט—
עס זינגען נייע לידער די בראווע נייע לייט!...
ברודער עדגאר עווערס , דו ביסט גאָרניט טויט:
עס לעבט דיין גרויסער עמעס,דיין וואָרט איז שטארק און גרויס !
גרויס איז אונזער וויי,טיף איז אונזער וואונד:
מיר הערן דיין געשריי פון דעם טיפן גרוב.
איך בין א פרייער איד ,דערפאר בין איך דיין ברודער;
מיר ווערן קיינמאָל מיד , צו האלטן שטארק דעם רודער.
צעפייניגט איז געשיכטע פון מיין קליינעם פאלק;
געפירט א קאמף ,גערעכטן,פאר א מענטשלעך אָרט.
געדיינקסט די "ווארשע -געטא?"-קינד און קייט - א ה ע ל ד !
זיי האָבן געטעטעט דעם קאָוועד פון דער וועלט!
דיין פאָלק איז אויפגעשטאנען פון א לאנגן שלאָף:
"ארונטער מיט באראָנען!צו קנעכטישקייט א סאָף !"
מיר זיינען אלע ברידער פון א גרויסן לאנד ,
אונזער רוף און ליד איז :"ארונטער מיט דער שאנד !"..

צו " סאָוועטיש היימלאנד "

באגריסונג פון שלוימע דאווידמאן

מע לייענט דאָך יעדעס וואָרט מיט א גרויסן ציטער,
יעדע זילבע ווערט געוואויגן מיט א וואָג -
רעדאקטאר א ר ן איז א גוטער היטער,-
עס איז אויפגעגאן א שיינער טאָג !
פראָגרעסיווע אידן זינגען אידיש ווידער,
עס קלינגט שוין ווידער שטאָלצער טאָן !
יונגע קומען אָן מיט נייע לידער -
נייע פרייע שרייבער קומען אָן !
שלוימע רויטמאן קומט דאָך פון מיין מאָהילעוו,
שמועל ווערעטע ,-פון מיין דאָמבראָוועץ -
סיי-ווי-סיי איז ער מיר א קאָרעוו,-
יעדן וואוילן ברודער איך דערקען.
און יעדער שרייבער איז דאָך מיר א ברודער,
יעדער דיכטער איז דאָך מיר א פריינט,-
איך שטיי דאָ מיט א קליינעם רודער,
איך קעמף דאָ מיט א יעדן פיינט!
עס קלאפט מיין הארץ אין די שיינע "זאמלונגען" -
אונזער היטער איז דיכטער בערל גרין.
אלע פראָגרעסיווע זיינען שוין פארזאמלט דאָ,-
עס קלינגט דאָך אזוי שטאָלץ דאָס נייע ליד !
איך דערזע אייך אין דער "מאָרגן פרייהייט ",
איך לייען אייך אין דער "אידישער קולטור ".
שווער איך :פראָגרעסיווע -אידיש -פרייהייט,-
אונזער וואָרט דערגרייכט איסראָעל און אמור.

=== +++ ===

עס איז דער הייסער יולי אין מיין לאנד,
אין ניו-יארק פארען אזש די גאסן -
א פאלק ארויס איז קעמפן ~~שאנד~~++++ קעגן שאנד-
עס טאר דאס לאנד ניט טיילן זיך אויף ראסן !
עס זיינען גאנצע צוואנציג מיליאנען,
נעגערישע מענטשן דא אין לאנד -
עס שטייט דער קאוועד און דער שטאלץ אין קאן,
יוישער מאנען זיי , א סאף צו שאנד !
עס האט דער איד דערפילט דעם נעגערס קריוודע,
עס האט דערפילט דעם נעגערס רעכט ,-
"שיץ דיין ברודער !" איז א גוטע מידע,
באשיץ דאך יעדן פון אומגליק און פון שלעכטס!...

=== +++ ===

א גרוס אייך ,ברידער פון "סאוועטיש היימלאנד ",
א גרוס אייך און א גרויסן דאנק !
פראגרעסיווער אידיש איז דאך א מין שיינלאנד,
אנגעוויטאגט איז דאך יעדער קלאנג !...
מע לייענט דאך יעדעס ווארט מיט א גרויסן ציטער,
יעדע שורע ווערט געוואויגן מיט א וואג -
א. ווערגעליס איז א גרויסער היטער ,-
עס איז אויפגעגאן א שיינער טאג !

צוליב פארשידענע
סיבות וועט דער בוך
- דער קלוגער ראוו און זיין
שיינע פרוי" דערשיינען
אבימעלע שפעטער!

די געשיכטע פון מיין ערשטן ביכעלע לידער אַרויסגעגעבן אין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק

נאָך אַלס קינד, געדענק איך, אַז איך פלעג זיצן אויף אַ פּריזבע און דערציילן מעשות. אַרום מיר פלעגן זיצן אַ סך אינגלעך, פישל, ירוחם, זלמן (דוכאָווני), שמואל און אַנדערע און זיך איינהערן מיט אָפענע מויל און אויערן. מיר פלעגן זיצן אַזוי שפּעט אין אָוונט, ביז וואַנען די מאַמעס האָבן אָנגעהויבן צו רופן אַהיים, מע האָט דאָך געמוזט גיין שלאָפן.

נאָך אַלס יונג בחור׳ל האָב איך אָנגעהויבן שרייבן לידלעך און מעשות. כמעט אַלע זאַכן, וואָס איך האָב אויפגעשריבן אין מאָהילעוו זיינען פאַרלוירן געגאַנגען. נאָר איין ביכעלע לידלעך האָט זיך אויפגעהאַלטן ביז היינטיקן טאָג. אויף מיין וועג פון מאָהילעוו קיין אַמעריקע איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין בעסאַראַביע ניין מאָנאַטן. אין דער אידישער קאָלאָניע דאָמבראָוועני האָט געוואוינט מיינער אַן אייגענער, הרבֿ לוי שטערנבערג ז״ל, ביי אים בין איך איינגעשטאַנען אַ קורצע צייט און דאָרטן האָב איך געפונען אַ קאָפּיע פון מיין ערשטער לידער־זאַמלונג.

היינט פאַרשטיי איך, אַז די לידלעך, כמעט אַלע, האָבן ניט קיין ליטעראַרישן ווערט. אָבער פאַר לאַנדסלייט, פאַר נאָענטע און פאַר אַן אויטאָביאָגראַפיע, האָבן זיי אַ שטיקל ווערט. די לידער זיינען געשריבן געוואָרן אַרום 1915־1916.

א מאָהילעווער גרופּע

ש. דאווידמאַן, א. אלטמאַן, מ. פריימאַן און א. סטאָליאַר

דאָס ביכעלע פאַרמאָגט זעכצן זייטן, קליינער פאָר־מאַט, שלעכטער שריפט און זייער ביליק פּאַפּיר.

ערשטע זייט:

ש. דודמאַן

בענקעניש

לידער זאַמלונג

דרוקעריי „טרוד" יאמפאל־פאָד.

האחים נ. און ש. רעזניק

1 9 1 8

(איך געדענק נאָך, ווי היינט, אַז איינער פון די ברי־דער רעזניק האָט געבראַכט די עטלעכע הונדערט ביכע־לעך אין אַ זעקל אָדער אַ ל י י ל ע ך , ווי מע ברענגט פּרוכטן אָדער ניס. ווייזט אויס, אַז קיין גרויסן רושם האָבן די ביכלעך ניט געמאַכט, ווייל ביי מיר אין זכרון איז גאָר־ניט פאַרבליבן. עטלעכע פריינט האָבן געקויפט אַ פּאָר ביכלעך און די איבעריקע זיינען ערגעץ מסתמא פאַרלוירן געגאַנגען.)

צווייטע זייט:

פארלאג און בוכהאנדלונג

ש. דאווידמאן

מאהילעוו־פאָד.

(מיינע עלטערן האָבן אָנגעפירט מיט אַ בוכהאַנדלונג.)

דערשינענע ביכער און ביכלעך פון שלמה דאַווידמאַן:

בענקעניש; ערשטע טריט; ווען הערצער ברענען; געקניפּטע ריט־לעך; דאָס ערשטע מעגערל; לעניז האָט געזאָגט; דער פאַבריק קוימען; סטרייקט; בירא־בידזשאַן; מאַטעלע פון דאָרף איקאָר; די מלחמה אין ניו־יארק; איציק־שפּיציק; פּיאָנערן; אונדזער פאַרשטעלונג; אונדזערע קינדער; וואָס די גאָס דערציילט; קינדער פון ניו־יאָרק; העלדן פון אונ־דזער צייט; באַנגעלאָ נומער 25; ס'איז פריילעך אין אָרדן; אונדזערע קינדער־שולן; דער לערער האָט פאַרמאַכט די אויגן; דער לערער האָט זיך מקריב געווען; אַ לערער־רויטאַרמייער מיט אַ זאַק בלעטער; פינף אינגלעך און דער לערער לייבל; ווי מיין טאַטע האָט געטאָן; און אַזוי וועט זיך ענדיקן די מלחמה; דאָס אָפּגעברענטע פעדערל; איז מיר ליכ־טיק געוואָרן אין די אויגן; וואָס פון סעמקען איז געוואָרן; און אָט איך זאָלסטו זיין; פלעשעלעך; מע קען זיך טרינקען אין אַ לעפל וואַסער; דאָס דיכטערל; זע נאָר, וואָס פאַר אַ קינדערלאַנד־קעמפּ מיר האָבן; אברהם־הערש, מיין פריינט; די סאַקאָ־וואַנזעטי ברילן; דער מאַטראָס רעדט שוין אידיש; מאָגיליאָוו־פּאָדאָלסק; משה דער לופט־וואָרדן; אַ נייער דור קומט אָן; איך בין אַן אַמעריקאַנער; ווי אַזוי אַ אינגעלע האָט משוגע געמאַכט היטלערן; מאָסקווע רעדט צו מיר אויף אידיש; קאָ־מאַנדיר שלמה פּאָדאָלסקי; ביזן לעצטן טראָפּן בלוט; פאַר'חלומ'טער שמואל; אַ קאָפּ פון אַ אידן.

דריטע זייט:

אַ גרוס צו איר

געוו. ב. ר.

פייגעלע, פייגעלע, פליסט איבער פעלדער,
פייגעלע, פייגעלע, ציסט איבער וועלדער,
נא דיר א בריוועלע, טראגט עס אוועק,
ברענג עס צוטראגן מיין ליבסטער פון וועג . . .
דערצייל, אז איך וואנדער און וואגל ארום,
דערצייל, אז איך זוך זי,· איך זוך אומעטום:
דערצייל פון מיין טרויער, פון מיין גרויסן שמארץ,
פון איינזאמען לעבן און אומעטיק הארץ.
שווארצע חלומות, טרוימען זייער פיל,
איך טרוים אין מיין צימער פארנאכט אין דער שטיל.
דערצייל, אז מיין לעבן איז שלעכטער פון שלעכט,
פינסטער די טעג, שלאפלאז די נעכט.
דערצייל, אז איך בענק, בענק זוי נאך איר,
פייגעלע טייערס, קוש זי פאר מיר.

פערטע זייט:

צו אַ פריינט

מיין פריינט, מיין פריינט!
דו זוכסט מיין האנט,
זי איז דאך קאלט.
קאלט פון פיל שאנד,
קאלט פון פיל בראנד,
יונג, בין איך·אלט.

מיין פריינט, דו פרעגסט . . .
פרעג מיך, דו מעגסט:
— וואו איז דיין בליק? —
מיין פריינט, איך לאך,
דו ביסט זייער שוואך . . .
— וואו איז מיין גליק?

מיין פריינט, דו לאכסט,
איך דענק, דו טראכסט:
איך בין א נאר.

דאן זיי, פריינט, פעסט,
אז ס'ענגט און פרעסט
מיין הארץ דיין צער.
און ווען דו פילסט,
מיין פריינט, און ווילסט
מיר וואס זאגן,
דאן וויים, מיין פריינט,
פון יענעם לאנד,
כ'הער דיין קלאגן.

און אויב פארשטייסט,
אז ס'איז א טרייסט,
פאר מיין קראנק הארץ.
דאן פרעג ניט מער,
יוייל ס'איז זייער שווער,
שווער, גרוים מיין שמארץ.

זייט פינק:

* * *

(א ליד אן א נאמען)

די טעג פון מיין לעבן פליען, פארשווינדן,
זיי לאזן בלויז איבער שמערצלעכע וואונדן,
  פון שרעקלעכן בענקען, פון שווארצע חלומות,
  וואס איך טראג מיט זיך אום אין מיינע תהומות:
פון ליבע, פון טריבע, פון צרות, פון לייד,
די טעג פון מיין לעבן זיינען רייכלאז פון פרייד:
  „אזוי וועט שוין זיין ביזן טאג פון דיין טויט" —
  אזוי האט מיין מלאך דער שווארצער, פארטרויט . . .

זייט זעקס:

צו אַן אומבאַקאַנטער

שווארצע וואלקנס ציען זיך,
טרויעריקע טריבע באגלייטן מיך,
  אין מיין לאנגן לעבנס וועג,
  און פירן מיך/העט ווייט אוועק,
זוכן פאר מיין הארץ א רו,
וואס איך וויים ניט ווי און וואו . . .
  ערגעץ, ערגעץ וואוינט א פרוי,
  וואס צו איר מיין הארץ בענקט זוי,
וואנדער איך פון לאנד צו ארט,
זוכן מיין הארץ א טרייסט ווארט,
  זוכן גיי איך ליבע גליק
  פון מיין אומבאקאנטערס בליק . . .

אַ גרופע מאַהילעווער

זייט זיבן:

אַ גרוס צו איר

דניעסטער! לויפסט זוי פיל יאָרן, לויפסט זוי פיל טעג,
ברענג אַ קליין בריוול צום מאָהילעווער ברעג.
דאָרט וואו די שלענגלסט און לויפסט זיך גאַנץ ברייטלעך,
צעשיידסטו צוויי קליינינקע אידישע שטעטלעך.

אין גרינ׳וערן, צווישן די שמאָלינקע געסלעך,
וואו אידעלעך וואוינען, ווי הערינג אין פעסלעך,
וואי ב׳שטייען די נידריקע, קליינינקע שטיבלעך,
וואס זיינען שטאַרק קענטיק אויף קעלער גריבלעך,
אין איינעם פון זיי, גאַנץ רואיק און פרידלעך,
פלעג איך מיט איר זינגען ליב־לידלעך,
נאָר זינט מ׳האָט דערוואוסט זיך פון פאַרבאָרגענעם אָרט
נאָר מערער קיין וואָרט, מערער קיין וואָרט.
כאָטש איך בין ווייט שוין, זייער ווייט פון איר,
דניעסטער! דערצייל, אַז איך ליב זי ווי פריער.

זייט אכט:

בעט פאַר אַ ריינער נשמה

מיין געליבטע, בלייב געזונט!
איך גיי אין שלאַכט אריין.
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שטונד,
ווער ווייסט וואו איך וועל זיין.

איך גיי אין ווייטן וועג,
איך שייד זיך אָפּ פון דיר.
איך גיי אַוועק, ווייט אַוועק,
וועסטו בענקען נאָך מיר? —

וועסטו מיין נאָמען אַמאָל דערמאָנען,
ווען סט׳זיין פאַרטרויערט, פאַרנאַכט?
וועסטו אַ תּפילה פאַר מיין נשמה קאָנען
ברענגען צו גאָט טרוימנד פאַרטראַכט?

פאַר מיין נשמה, דער ריינער,
וואָס האָט ניט געוואוסט פון יוגנט און לעבן?
א ו י ב נ י ט ד ו , איז קיינער, קיינער,
וועט פאַר מיין נשמה אַ תּפילה גאָט געבן.

אפשר? . . . אין עולם התוהו אָדער אין גיהנום
וועט פאַרבלאָנדזשען מיין ריינע נשמה,
און פאַר אַלטע זינד וועט מען זי ברענען —
בעט פאַר אַ ריינער נשמה.

זייט נײַן:

פרילינג

גרינער גארטן,
גרינע בוימער,
אונטן דארטן,
טרוימט א טרוימער.
גרינע פעלדער,
גרינע זאנגען,
גרינע וועלדער,
פייגל קלאנגען.
בערג און טאלן,
גרינע, שיינע,

מאלער מאלן,
בילדער שיינע.
דאס טייכל פליסט,
זיין לאנגן וועג,
רינצלט, גיסט,
זוכט א ברעג.
שיפלעך שוועבן,
קולות קלינגען,
יוגנטס לעבן
לידער זינגען.

זייט צען:

אַ גרוס מיין מאַמען

פייגעלע, פליסט איבער לענדער און ים'ען,
גריס דארט מיין הערצלעך געטרייער מאמען.
דארט, וואו דער דניעסטער שלענגלט גאנץ ברייטלעך,
צעשיידט ער צוויי קליינינקע אידישע שטעטלעך,
אין גרעסערן שטעטל, נאענט צום ברעג,
שטייט זיך א שטיבל אין מיטן דעם וועג.
סט'פרעגן, וואו וואוינט דא, וואו וואוינט דא אן אלטינקע פרוי,
וואס בענקט נאך איר זונדל שרעקלעך אזוי!
ט'מען דיר ווייזן, ניט ווייט פון דעם טייך,
שטייט דארט א שטיבל, פון שינדלען דער דאך,
די קליינינקע פענסטערלעך קוקן ארויסן
אין זומערדיק ווארעמען ליכטיקן דרויסן.
אין דעם, אין אומעט, אלע פארנאכט,

זיצט דארט מיין מאמע שטענדיק פארטראכט
און בענקט נאך איר געטרייען זון,
וואס זינגט לידלעך, ווייסט פון קיין רוען.
ברענג זשע א גרוס מיין מאמען דער גוטער,
וואס האט געוויגט מיך, געגלעט ווי א צערטלעכע מוטער.
דערצייל, אז איר זון איז איבערגעגעבן און טריי,
לעבט זיך גאנץ רואיק, פארגעניגט פריי . . .
דערצייל, אז אין אלע שפעטן ביינאכט,
ווען איך בין אין צימער טרוימנד פארטראכט,
ווען אין מיין שטיבל רואיק און שטיל איז,
הער איך אירע וויינענדע תפילות.
פייגעלע, פליסט איבער לענדער און ים'ען,
גריס דארט מיין הערצלעך געטרייער מאמען.

מיין טייערער שלוימע, דערלאַנג די האַנט — די אָרנטלעכע האַנט פון אַ גוטן לערער, פיינעם שרייבער און האַרציקן יאַט — און מאַזל טאָוו דיר צו דיין און אונדזער יאָנטעוו.

די ערשטע פופצן יאָר זיינען מיסטאָמע געווען די שווערסטע. זאָלן די קומענדיקע פופצענער יאָרן זיין די בעסטע און פרוכטבאַרסטע.

— דיין, י. פריד.

זייט עלף:

* * *

(ליד אן א נאמען)

מיך ציט אהין, אין יענע קאנטן,
צו די שיינע גרינע האריזאנטן,
וואו עס זעט זיך ווייט און ברייט,
אויף געדיכטע גרינע וועלדער,
פול מיט תבואות גרינע פעלדער,
אויף בארג און טאל געדיכט פארשפרייט.

אי דעם פאסטוכס פייפן שפילן,
אי דעם פויגלס זינגען טרילן
פארהייליקן דעם ריינעם רוים.
ביי דעם ברעג אין גרינעם גראז,
זיצט א מאלער מאלט אלס דאס,
טרוימט א דיכטער א זיסן טרוים.

זייט צוועלף:

זי פרעגט ביי מיר...

זי פרעגט ביי מיר:
— דו ביסט א דיכטער?

— איך בין א דיכטער.
— וואס זשע איז עס מיט דיר?
איך וויים פון דיכטער זינגען,
וואס באזינגען גערטנער, פעלדער,
אויך די גרויסע וועלדער,
אבער גאר פון נויט, הונגער?
איך קען דיכטער פאעטן,
באזינגען הימל, לבנה, שטערן,
און דו זינגסט בלויז פון טרערן,
דיינע לידער זיינען געבעטן?
איך קען דיכטער מאלער, זיי
מאלן די נאטור,
און דו זינגסט נאר
פון קרעכץ און אוי און וויי?
— וואס זאל איך דיר זאגן,
איך בין א דיכטער, נאר א איד,
דעריבער קלינגט טרויעריק מיין ליד
און שטענדיק מוז איך קלאגן.

מיין הארציקע באגריסונג צו אייך, כ׳ ש. דאווידמאן, אלס לערער און שרייבער. אייער ביטראג צו דער אידישער ליטעראטור איז פון גרויס וויכטיקייט. און איך וועל זיין גליקלעך צו דערמוטיקן אייך צו ווייטערע שאפונגען. — א. דזשענאווסקי.

זייט דרייצן:

זאָגט מיר, כ'בעט אייך . . .

וואס פרעג איך, וואס בעט איך, וואס טו איך, וואס גיי איך,
זאגט מיר, איז דאס אין חלום, צי איז דאס אין וואר?
וואס וויל איך, וואס פלי איך, וואס לויף איך, וואס שטיי איך,
זאגט מיר: ווייסט איר, וואס קומט אין מיין הארצן דארט פאר?
איז איצט בייטאג, וואו זשע איז די ליכטיקע זון,
וואס ווארמט און גלעט ווי א צערטלעכע מוטער?
צי איז איצט נאכט און א שטערן א שיינער לייכט און
ווייזט שענערע וועגן, ווי א מלאך א גוטער?
זאגט מיר, כ'בעט אייך, איז דא א ים אן א גרונד
און, אך, מע זעט ניט דעם צווייטן קעגנדן ברעג?
זאגט מיר, כ'בעט אייך, וואו איך די היילונג צו מיין וואונד,
וועלכער איז דער ריכטיקער, שענערער וועג?

זאגט מיר, איז דאס א מדבר א וויסטער און פוסט,
פול מיט ווילדע חיות און מיט שרעקלעכע שלענג?
זאגט, צי איז דאס א גארטן מיט מיידלעך, פיל לוסט,
וואס ווילן מיך היילן, מיין הארץ, מיין אייביקע קרענק?

זיים פערצן:

* * *

(ליד אן א נאמען)

דער הימל האט מיט כמארעס באדעקט זיך,
עס בליצט, עס דונערט ארום,
ווי פון א ים, א רעגן גיסט זיך,
ס'איז פינסטער, נאס, קאלט אומעטום.

אזוי איז אויך אויף מיין הארצן,
גאר קיינער פון דעם ווייסט,
און צו די פולע שמארצן
הער כ'ניט קיין איינציקע טרייסט . . .

זיים פופצן:

* * *

(ליד אן א נאמען)

איך האב געטרוימט א זיסן חלום,
ס'איז ווער — האב איך געמיינט.
מיר האט גע'חלומ'ט, אז איך זינג מיר —
דאס האב איך גאר געוויינט.
צו אפענע פרייע ווייכע הערצער,
קום איך — האב איך געמיינט,
אפגעשלאגן איז מיין לידל,
זייער הארץ איז גאר פארשטיינט.
ווען איך שאף מיין ארעם לידל,
מיין קראנקעם הארץ קלעמט.
ווען איך זינג פאר אייך מיין לידל,
זינג איך עס פארשעמט.

אין אַ צייַט אַזאַ

פון שלוימע דאווידמאן

אין א צייט אזא, זוכט דאָס פאָלק א טרייסט;
אין א צייט אזא, גארט דאָס פאָלק נאָך מוט:
איז אז וואויל צו דעם, וואָס פארשטייט און ווייסט
פארוואָס ער גיט אוועק זיין מי און ברויט און בלוט;
וואויל איז אונז, געטרייע זין און טעכטער,
פאָלק-מענטשן פון ירושער, פראצע און פון ווארהייט;
מיר לאכן פון דעם סוינע מיט סארקאַסטישן געלעכטער
און האלטן הויך די פאָן פון דער "אַלגין -פרייהייט!;;"

זיי רעדן בלויז פון פרייהייט,
און מיינען גאָר מילכאָמע;
זיי רעדן וועגן שאָלעם,
ווי פון א פוסטן כאָלעם;
זיי ווילן אונז פארוויגן אין סוינעס וויג -
מיר זאָגן פרייהייט, מיינט עס
פאָלקס - נעכאָמע !
ערשט ניט- לאנג צוריק, האָט דער סוינע זיך געקוויקט:
ס'האָט געלעבט דאָס פאָלק אין א גרויער צייט,
א שיידים- טאנץ צעהוליעט האָבן די מעקארטי- לייט:
געוואָלט דאָס פאָלק איינצוימען אין היטלער-קייטן,
פאר אונז שוין היטלער -טורמעס צוגעגרייט!
דער יודנראטלער געווען איז גרייט פארקויפן דאָ
דאָס פאָלק;
ס'האָט שוין ראבאי שמוץ געשאפן פאר מעקארטין
לויב - געזאנג !...
איר לייענט א " אידיש בלאט " און סע כאפט אייך
אָן א גרויל:

אז פון א שימען שטערבער געוואָרן איז א מאָסער-שלאנג!
זיי רעדן וועגן פרייהייט אין אונזער לאנד!...
ז י י מאכן א ו נ ז צו שפּאָט און צו שאנד!
זיי פארש-פארן א ו נ ז אין די טורמע-ווענט
און רעדן וועגן פ ר י י ה י י ט אין אונזער לאנד!.
זיי פארבאָטן אונז צו רעדן וועגן שאָלעם.
אונזערע שאָלעם-לערער שליסט מען אויס פון שולן;
די צוגעזאָגטע פ ר י י ה י י ט איז געוואָרן ווי
א כאָלעם.
מיט א טפילע האָבן זיי די ר אָ ז נ ב ע ר ג ס
פארברענט...
מיט גרויל און שרעק און טראָר ווערט דאָס פאָלק
פארסאמט...
און ז י י מאָנען נאָך ביי אנדערע יוישער
אומפארשעמט!...
זיי לאכן פון די נעגער. זיי שפעטן פון די אידן;
זיי שפרייטן ברידער - סינע צווישן די ,וואָס ווילן
פריד-ן...
זיי האנדלען איין די שווערדן און די קקזטן ביי די
היטלער- שמידן ;
און זיי קויפן איין זיך מאָסרים און פאררעטער
צווישן אידן ...
עס גייט ארום דער מערדער מיט א געלט-בייטל אין
האנט,
מיט מאידאנעק - געלט קויפט ער אָפּ,צו אונזער שאנד,
די גרעסטע שרייבער און פּאָעטן.אָט דערשיינט א נייער
באנד
לידער און פּאָעמען,איינקאסירטע פון פארטיזאנען-בלוט
אויף וואנט!...

+++ +++ +++

אין א צייט אזא! זוכט דאָס פאָלק א טרייסט;
אין א צייט אזא, גארט דאָס פאָלק נאָך מוט:
איז אז וואויל צו דעם, וואָס פארשטייט און ווייסט
פארוואָס ער גיט אוועק זיין מי און ברויט און בלוט -
וואויל איז אונז, געטרייע זין און טעכטער,
פאָלק - מענטשן פון יושר, פראַצע און פון ווארהייט, -
מיר לאכן פון דעם סוינע מיט סארקאסטישן געלעכטער
און האלטן הויך די פאָן פון דער " אלגין -פרייהייט" ....!!!

ציטאַטן פֿון בוך:

„פּראָלעטפּען“ פֿון אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ

עטיודן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון דעם קאַמף פֿאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע (פֿ. ש. א.)

געגרייט פֿאַר: „אַלוקראַינישע וויסנשאַפֿטלעכע אַקאַדעמיע, אינסטיטוט פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק“.

פֿאַרלאַג פֿון דער אלוקראַינישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, קיעוו, 1935.

זייט 29: „אין אָנהויב פֿון 1924 איז אין דער „פֿרייהייט“ דערשינען אַ בריוול פֿון איינעם פֿון די דעמלטדיקע פּראָדוקטיווסטע מיטאַרבעטער פֿון דער צייטונג — שלוימע דאַווידמאַן. אין דעם בריוול האָט ער גערופֿן אַלע יונגע אַרבעטער-שרייבער פֿון דער „פֿרייהייט“ צו קומען אַף אַ פֿאַרזאַמלונג צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע פֿון אַרבעטער-שרייבער.

צו דער פֿאַרזאַמלונג (אין הויז פֿון ש. דאַווידמאַן, 1131 וווייז עווועניו, בראָנקס, ניו-יאָרק — ש.ד.) איז געקומען העכער דרייסיק מאַן. דאַווידמאַן און נאָך עטלעכע איניציאַטערס פֿון דער פֿאַרזאַמלונג האָבן געפּרוּווט אָנווייזן אַף דער נייטיקייט פֿון אַזאַ שרייבער-אָרגאַניזאַציע צוליב אַנטוויקלען קאָלעקטיוו די שרייבערישע פֿייִקייטן פֿון די אַרבעטער-שרייבער. דאָס איז דעמלט פֿאַרשטאַנען געוואָרן בלויז אין פֿאָרמעדן זינען. וועגן אידעאָלאָגישער דערציאונג האָט מען נאָך ניט גערעדט. אָבער שוין אַף דער גרינדונג-פֿאַרזאַמלונג פֿון שרייבער-פֿאַריין איז אויסגעקומען צו פֿירן אַ קאַמף פֿאַר דעם פּונקט אינעם פֿאַריין-סטאַטוס, אין וועלכן ס'ווערט געזאָגט, אַז אַ מיטגליד קען זיין נאָר אַזעלכער, וואָס אַנערקענט דעם קלאַסן-קאַמף“.

זייט 32: „אין אווגוסט 1924 איז דערשינען דער ערשטער נומער פֿון די ליטעראַרישע זאַמלונגען „יונג-קוזניע“, אַרויסגעגעבן פֿון יונגן אַרבעטער-שרייבער פֿאַריין מיט (א) י. פּאָמעראַנץ אַלס רעדאַקטאָר און מיט די מיטגלידער פֿון רעדאַקציע„ שלוימע דאַווידמאַן און כאַים פּעט“.

די פליג און דער צוקער

פון שלמה דאווידמאַן

א פליג אריינגעפלויגן
איז אין עס־פלאַץ,
אוועקגעזעצט זיך אויף א טאַץ,
און געוואָרפן אויגן.
דערזען א ווייסן סלאָי,
דערשמעקט דעם צוקער,
און מיטן קליינעם קוקער,
דערזען ס׳איז זיס, אוי, אוי !
ווי־זשע קומט מען דאָרט אריין ?
זי פליט צו מיט דער נאָז,
שלאָגט זיך אָן אין ווענטל־גלאָז,
וואָס קאָן דאָס זיין ?
דאָס דעקל איז פון מעש,
פארהאַקט פון אַלע זייטן,
פליג פאַרשטייט ניט ווי ביי לייטן,
גיט מען דאָ א לעב.
זי קריכט אַרויף אויף מעשן־דעקל,
דערזען אַ צוקער־טייך,
אַריינגעשפּרונגען דורך א לעכל,
אָי, וועט זי ווערן רייך.
אַ גאַנצן לעבן וועט זי עסן,
צוקער, אוי ווי זיס . . .
זי האָט אַביסל זיך פאַרגעסן,
און טיפער שטופט די פיס.
זי וויל פון זיסן טייך אַרויס,
זי וויל דאָך ווידער פליען ;
דערטרונקען אין דעם זיסן ים, שוין אויס,
אומזיסט דער פליג׳ס זיך מיִען.
ס׳האָט דער קרעמער פליג געוואָרפן
אין מיסט־קעסטל מיט שמייכל,
יעדן טאָג טוט זיך דאָס פאַרלויפן,
פליגן האָבן ניט קיין שכל.

ס׳מאַכט זיך, אַז מענטשן
ווילן רייך ווערן אויף שנעל,
זיי קריכן אַרויף אויף גאָלדענער שוועל,
און מיינען די גאַנצע וועלט וועט זיי בענטשן.
ס׳רינט אויס דער שמאַלץ פון גרוב,
און בלייבן בלייבט דער קבר,
און ביז מען קוקט זיך גוט אַרום,
שטאַרבט אַפּ יעדער אבר.

26 אַפּריל, 1964, „מ.פ.“

ווען אַ פאָלק שטייט אויף

פון שלמה דאַווידמאַן

מיר זיינען מיליאָנען
אַזעלכע ווי איך —
וואָס ווילן, אַז דיינע קינדער
זאָלן טראָגן נייע שיך! —

דיין פאָלק זאָל זיין זאַט,
די פעלדער זאָלן זיין פול —
יעדער איינער זאָל האָבן אַ גאַנצן דאַך
און יעדעס קינד זאָל גיין אין שול! —
ביי אונז אין דער געשיכטע
האָט געטראָפן אַזוי:
אין אַלטן ישראל,
ווי אין קובאַ געצווי —

עס זיינען שונאים אָנגעפאַלן
און פארכאַפּט דאָס לאַנד —
די שפּראַך און קולטור
געווען אומבאַקאַנט.

זיי האָבן עקספּלואַטירט,
פארפאָלגט, פאַרשקלאַפט
די טעכטער אונזערע פאַרפירט, —
פון פאָלק געזויגן די זאַפט!...

ביי אייניקמאָל זיינען אויפגעשטאַנען
די מאַקאַבייער.
באַרוועסע, מיט בערדלעך
מיט שאַרפע שווערדן —
העלדישע באַפרייער!
און פאַרטריבן דעם
פיינט! — — —

איך קוק אויף דיר
און טראַכט:
דו האָסט געפירט
אַ גרויסע שלאַכט —
מיט דיין בערדל
און דיין שווערד!

דו האָסט געבראַכט פון די
בערג און טאָלן —
באַרוועסע, באַבערדלטע,
העלדן מיט די שווערדן
און באַפרייט דיין לאַנד!...

אַ לייען-קרייז אין ברוקלין